# עולת שבת בשבתו

## ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל ד'סאטמאר

בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

**פה ק"ק קרית יואל יצ"ו**

בעזהשי"ת | פרשת חיי שרה | כיתה ז' תשע"ב לפ"ק

## דורש טוב

**ויהיו חיי שרה וגו':** דער מדרש דערציילט אז רבי עקיבא האט געדרש'ענט פאר זיינע תלמידים, און דער ציבור איז איינגעשלאפן, האט ער זיי געוואלט אויפוועקן, האט ער זיך אנגערופן און געזאגט, פארוואס האט אסתר זוכה געווען צו זיין א קעניגן אויף 127 מדינות? נאר ז' איז געווען אן אייניקל פון שרה וואס האט געלעבט 127 יאר. לכאורה דארף מען פארשטיין וואס פארא שייכות האט די 127 מדינות מיט די 127 יאר וואס שרה האט געלעבט, און פארוואס האט ער זיי געוואלט אויפוועקן דוקא מיט די מימרא?

זאגט דער הייליגער **ישמח משה** זי"ע, אז דאס שלאפן פון א מענטש האט אין זיך א מעלה, אז בשעת ווען מ'שלאפט טוט מען כאטש נישט קיין עבירות, אבער דאס איז נאר געזאגט געווארן ביי סתם מענטשן וואס ווען זיי זענען אויף טוען זיי עבירות, אבער צדיקים וואס ווען זיי זענען אויף דינען זיי דעם אייבערשטן, איז א שאד ווען זיי שלאפן ווייל זיי פארפאסן פון עבודת ה', און דאס גייט אראפ פון חשבון פון זייערע לעבענס יארן, ווייל די צייט גייט פארביי מיט שלאפן, און עס ווערט נישט פארנוצט פאר עבודת ה'.

פון זוהר הקדוש קומט אויס אז ביז זעכציג אטעמס וואס א מענטש שלאפט הייסט נאכנישט פארפאסט די צייט און עס ווערט גארנישט אראפגערעכט פון זיינע לעבענס יארן.

מיט דעם קען מען פארשטיין די ווערטער פונעם מדרש, אז אסתר האט געוועלטיגט אויף 127 מדינות וואס דאס איז געווען איר שכר ווייל איר באבע שרה האט 'געלעבט' גאנצע 127 יאר, דאס מיינט אז ז' איז גארנישט פארשלאפן פון די אלע יארן, ווייל ווען ז'

## ידיעות פון די וואך

אין די וואכענדיגע סדרה לערנען מיר **ויצא יצחק לשוח בשדה** - וואס פון דעם לערנען חכמינו ז"ל ארויס אז יצחק אבינו האט מתקן געווען צו דאווענען תפילת מנחה.

די ערשטע וואס האבן איינגעפירט צו דאווענען דריי מאל אין טאג זענען געווען די אבות הק'. **אברהם** האט מתקן געווען **תפלת שחרית** - ווי עס שטייט "**וישכם אברהם בבקר**". **יצחק** האט מתקן געווען **תפלת מנחה** - ווי עס שטייט "**ויצא יצחק לשוח בשדה**", **יעקב, תפלת ערבית** - ווי עס שטייט "**ויפגע במקום וילן שם**". צוליב דעם האבן די חכמים געהייסן דאווענען דריי מאל א טאג (ברכות כ"ו ע"ב).

דער **בני יששכר** זאגט: איך האב מקובל, אז צוליב דעם רופט מען "תפלה" אויף אונזער שפראך "**דאווענין**", ווייל דאס איז א לשון פון "**דאבינון**" (מלשון אב), דאס מיינט אז אונזערע אבות האבן דאס מתקן געווען (מגיד תעלומה שם).

**זמן תפלה** - די הייליגע חכמים האבן באשטימט די דריי תפלות פון די אבות הק' אלץ א זכר צום קרבן תמיד וואס מען האט מקריב געווען אין בית המקדש. דעריבער האבן די חכמים באַשטימט די צייט פון דאווענען לויט די צייט פונעם קרבן תמיד. דהיינו:

"**שחרית**" - פון נץ החמה (ווען די זון שיינט אויף) **ביז פיר שעה** אין טאָג, ווייל ביז דעמאלט האט מען מקריב געווען דעם

תמיד של שחר. בדיעבד קען מען נאך דאווענען ביז חצות.

**"מנחה"** - פון א האלבע שעה נאָך חצות ביז עס ווערט נאכט, ווייל אין די צייט האט מען מקריב געווען דעם תמיד של בין הערבים.

**"מעריב"** - פון צאת הכוכבים ווען עס קומען ארויס די שטערנס אויפן הימל – צוויי און זיבעציג מינוט נאָך די שקיעה, ביזן עלות השחר, ווייל דעמאלט האט מען מקריב געווען אלע אברים און פעטענס וואס זענען איבערגעבליבן אויפן מזבח פון די קרבנות. אבער די חכמים האבן געהייסן דאווענען מעריב פאר חצות כדי מען זאל זיך נישט פאַרלאזן אויף שפעטער, וואס דאס וועט גורם זיין מען זאל אינגאַנצן פאַרגעסן.

**"נוסח התפלה"** - אזוי לאנג ווי דאס בית המקדש איז געשטאַנען, האבן די אידן געהאט קלארע מוחות, און האבן אליינס געדאווענט דריי מאל אין טאג, יעדער א תפלה לויט זיינע באדערפענישן, און עס איז געווען זייער באליבט ביי השי"ת.

אבער נאכן חורבן בית המקדש ווען די אידן זענען פארטריבן געווארן אין גלות און מען האט פארגעסן דאס לערנען און די הייליגע שפראך, האבן זיך צוזאמען גענומען די **"אנשי כנסת הגדולה"** הונדערט און צוואנציג **"נביאים"** און **"זקנים"**, און האבן פארפאסט מיט **"רוח הקודש"** איין נוסח אין וואס עס ליגט מרומז אלע כוונות און אלע בקשות, דעריבער מוז יעדער דאווענען דעם נוסח מיט כוונה - (אבודרהם וראשונים).

**"כוונת התפלה"** - כאטש די כוונות און סודות פון די ווערטער פון דאווענען זענען זייער גרויס און אסאך, און זייער ווייניג מענטשן זענען זוכה דאס צו פארשטיין, אבער **"פירוש המילות"** דארף יעדער אינזינען האבן. דער וואס האט אינזין יעדעס איינציגע ווארט "פירוש המילות" ווערט גערעכנט ווי גלייך ער וואלט אינזינען געהאט אלע כוונות און סודות.

האט נאר געהאט א געלעגענהייט האט זי געדינט דעם אייבערשטן, און זי האט גארנישט פארפאסט, און ווען זי איז געשלאפן איז דאס טאקע נאר געווען דער שיעור פון זעכציג אטעמס.

דאס איז געווען דער ציהל פון רבי עקיבא וואס האט געוואלט ווייזן פאר די תלמידים דאס חשיבות פון צייט, און ווייזן אז אסתר האט נאר זוכה געווען צו באקומען 'גאנצע' 127 מדינות, ווייל שרה האט אויך געלעבט 'גאנצע' 127 יאר, אבער אז מ'פארשלאפט די צייט זענען שוין די יארן אויך נישט גאנץ.

## פרפראות לחכמה

**וכדה על שכמה:** דארף מען דאך לכאורה פארשטיין, וואס וויל די תורה הקדושה אונז דערציילן מיט דעם אז זי האט געהאלטן איר קריגל אויפן אקסל?

זאגט דער **רבי ר' יונתן אייבשיץ זי"ע** אז די תורה וויל אונז דערציילן די לויב פון רבקה אמנו, אז זי איז געווען אנדערש פון אלע מיידלעך. ווייל אלע מיידלעך פלעגן באהאלטן זייערע קריגלעך כדי פרעמדע מענטשן זאלן נישט בעטן פון זיי קיין וואסער צו טרינקן. אבער די צדיקת רבקה האט געטראגן די קריגל **על שכמה** אויף איר אקסל, אז אויב איינער וועט וועלן טרינקן וואסער זאל זי תיכף קענען געבן צו טרינקן וואסער.

*

**נתתי כסף השדה קח ממני:** זאגט אויף דעם רש"י אז ער האט געזאגט הלוואי וואלט איך עס שוין לאנג געגעבן.

ווערט געברענגט אין ספרים א שיינער פשט לויט דעם וואס עס שטייט אז עפרון האט געבעטן פיר הונדערט שקלים ווייל 'זיין' נאמען און אברהם'ס נאמען איז ביידע די מיטעלסטע אות א ר' (וואס דאס איז צוויי הונדערט) און צוויי מאל ר' איז פיר הונדערט, וועגן דעם האט ער געזאגט **ארץ ארבע מאות שקל כסף** ווייל **ביני** די מיטעלסטע פון מיר **ובינך** און די מיטעלסטע פון דיר איז ביי ביידע א ר'.

וועגן דעם האט אברהם אבינו געענטפערט הלוואי האב איך עס שוין פון לאנג געגעבן ווען מיין נאמען איז נאך געווען אברם, ווייל דעמאלס האט ער נישט געהאט קיין מיטעלסטע אות - ווייל אברם האט נאר פיר אותיות - וואלט ער נאר געדארפט צאלן צוויי הונדערט שקלים וועגן די ר' פון עפרון.

# מעשה רב

וויבאקאנט פלעגט דער רבי בעל דברי יואל זי"ע זייער אסאך מאל איינדרימלען ברבים, דאס האט געקענט זיין אינמיטן פירן טיש, ווי אויך אינמיטן פארהערן די בחורים, און ביי אנדערע געלעגנהייטן.

טראצדעם וואס עס האט אויסגעזעהן ווי דער רבי שלאפט, האבן אבער חסידים געוואוסט אז דער רבי איז דעמאלטס געווען שטארק פארטיפט אין זיינע הייליגע געדאנקען, און ער האט דעמאלטס משיג געווען גרויסע זאכן. ווען אמאל אינמיטן פארלערנען אין די ישיבה האט דער רבי איינגעדרימלעט אויף א לאנגע צייט איבער א האלבע שעה, ווען ער האט זיך אויפגעכאפט האט מען אים צוגעברענגט וואסער זיך צו וואשן די הענט, האט דער רבי געזאגט אז ער דארף זיך נישט וואשן ווייל ער איז נישט געשלאפן.

איינמאל פרשת חיי שרה, פרייטאג צו נאכטס ביים טיש האט דער רבי אנגעהויבן צו זאגן די תורה, האט ער געזאגט מיט זיין נעימות'דיגן הייליגן נוסח ווי אזוי ער פלעגט זאגן "**ויהיו חיי שרה מאה שנה ועשרים שנה ושבע שנה**, און דער רבי האט איינגעדרימלעט אויף א צייט פון א דריי פערטל שעה... דער עולם איז געווען זיכער אז דער רבי האט יעצט איינגעדרימלעט פון גרויס מידעקייט, אבער נאך א דריי פערטל שעה הערט מען ווי דער רבי פירט אויס מיטן זעלבן נוסח "שני חיי שרה"... און עס האט בכלל נישט אויסגעזעהן אז ער זאל בכלל האבן מפסיק געווען אינמיטן דעם פסוק (עס ווערט דערציילט די מדריגה אויך אויף פריערדיגע צדיקים, ווי דער מעזריטשער מגיד, דער הייליגער בני יששכר, און נאך).

איינמאל איז געקומען צום רבי'ן בעל דברי יואל זי"ע א רב פון באלטימאר הרב קובלסקי ז"ל, און ער האט מיטן רבי'ן געשמועסט אין פארשידענע ענינים.

אינמיטן דעם שמועס איז אויסגעקומען צו רעדן איבער א געוויסן רב אין אמעריקע, וועמען דער רבי האט נישט געקענט, און הרב קובלסקי האט געזאגט פארן רבי'ן אז יענער רב איז א "אדם גדול" (א גרויסער מענטש).

האט זיך דער רבי אנגערופן "אזוי? יענער איז טאקע א אדם גדול? מען דערקענט ביי זיין דאווענען אויך אז ער איז א "אדם גדול"?".

האט דער רבי מסביר געווען זיין שאלה, ווייל דער מדרש רבה אין די וואכענדיגע סדרה ברענגט אויפן פסוק: ותאמר אל העבד מי האיש הלזה, ווען רבקה האט געזעהן ווי יצחק גייט קעגן זיי, האט זי געפרעגט אליעזר'ן 'ווער איז דער מענטש?' אמר רב הונא צפתה שידו שטוחה בתפלה, זאגט רב הונא וואס האט זי דען געזעהן אויף אים אז זי האט געפרעגט, זי האט געזעהן ווי יצחק האט אויסגעשפרייט זיינע הענט און ער דאווענט, אמרה "אדם גדול" הוא. האט זי געזאגט 'ער איז א אדם גדול'. זעהן מיר פון דעם אז א 'אדם גדול' מעסט מען לויט זיין דאווענען".

צווישן די מענטשן וואס זענען געווען אנוועזנד ביי דעם שמועס זענען געווען עטליכע וואס האבן יא געקענט יענעם רב, און זיי האבן שפעטער געזאגט אז דעם רבי'נס שאלה איז געווען אין א בחינה פון רוח הקודש, ווייל אויף יענעם רב פלעגט מען זיך שטארק אפרעדן אז ער איז מזלזל אין דאווענען.

# בשבילי הפרשה

**טעמים פארוואס דער הייל האט געהייסן "מערת המכפלה":**

1. ווייל עס האט געהאט צוויי שטאקן.
2. עס זענען דארט געווען בא'ערד'יגט פארן (מובא ברש"י הקדוש).
3. דער פעלד איז יעצט געווארען "דאפעלט" ווערט ווי אברהם האט דאס אפגעקויפט
4. די אלע וואס זענען דארט באערדיגט געווארען איז זייער "שכר" דאפעלט לעולם הבא.
5. דער אויבערשטער האט איינגעבויגן אדם הראשון אין "צוויי טיילן" וואס איז געווען הויך פון די ערד ביזן הימל, כדי מען זאל אים קענען באערדיגן אין מערת המכפלה.

# הילולא דצדיקיא

## דעם שבת כ״ב חשון איז די יארצייט פון

# כ״ק הרב הקדוש רבי **ישכר דוב רוקח מבעלזא** זצוק״ל

דער בעלזער רב הגה״ק רבי **ישכר דוב** זי״ע (נסתלק כ״ב חשון תרפ״ז), איז געווען א זון פון הגה״ק ר׳ **יהושע מבעלזא** זי״ע (נסתלק כ״ג שבט תרנ״ד), **א** זון פון הגה״ק רבי **שלום** מבעלזא זי״ע (נסתלק כ״ז אלול תרט״ו) דער ״שר שלום״.

**ביי חסידי'שע אידן איז באקאנט דער ״שר שלום״ מיטן נאמען ״דער ערשטער בעלזער רב״ אדער ״מהר״ש״, רבי יושע'לע ״דער מיטעלער בעלזער רב״ אדער ״מהר״י״, און רבי ישכר דוב ״דער פריערדיגער בעלזער רב״ אדער ״מהרי״ד״.**

דער בעלזער רב זי״ע איז געווען א פייערדיגער לוחם מלחמות השם קעגן אלע פרצות הדור, און באזונדער קעגן די ציונים און אלע ציוני'סטישע פארטייען, עס איז באקאנט אז ווען עס איז אמאל געקומען צום טיש א רב וואס האט געהערט צו די ״מזרחי״ האט דער בעלזער רב נישט געוואלט אריינקומען צום טיש ביז יענער גייט ארויס, טראצדעם וואס די מקורבים האבן אים געבעטן אז ער זאל יענעם נישט פארשעמען, האט ער נישט געוואלט זיצן מיט אזא איינעם ביים טיש.

**כ״ק רבינו בעל דברי יואל זי״ע** איז געווען א גרויסער חסיד פונעם בעלזער רב, און ער פלעגט פארן צו אים. אין **דברי יואל** (פר׳ תולדות) איז געדרוקט דער מורא'דיגער הספד וואס דער רבי זי״ע האט געזאגט אויפן בעלזער רב. מיר זענען מעתיק געציילטע ווערטער פונעם מורא'דיגן הספד:

**״יעצט אז עס איז אוועק גענומען געווארן דער זקן הדור נשיא ישראל, איז כמעט נישט געבליבן קיין קיום פארן דור, ווייל ווילאנג דער צדיק איז געווען מיט אונז האט ער אונז געפירט. ״עס איז באקאנט פאר יעדן אז דער בעלזער רב זי״ע איז געווען משיירי כנסת הגדולה פון דעם דור פון די פריערדיגע צדיקים, און טויזענטער אידן האבן געשטראמט צו איהם, און נהנה געווען פון זיינע עצות, און יעצט בעוונותינו הרבים האבן מיר געליטן אזא שווערע אבידה זענען מיר זייער צובראכן און צו קלאפט, און מ'קען זיך כמעט נישט קאנצעטרירן פון דעם גרויסן צער וואס האט אונז באטראפן״.** (דברי יואל פרשת תולדות).

**דער בעלזער רב האט אין די צייטן פון די ערשטע וועלט מלחמה געוואוינט אין ראצפערט. ווען כ״ק מרן רבינו בעל ברך משה זי״ע איז געבוירן געווארן זענען זיינע עלטערן אויך געווען אין ראצפערט ביים זיידן הרה״ק ר׳ שלום אליעזר מראצפערט זי״ע, און דער בעלזער רב איז געווען סנדק ביים ברית, ער האט אנגעטוהן דעם שטריימל לכבוד די שמחה און געהייסן זיינע חסידים אויך קומען מיט בגדי שבת צום ברית.**

**כ״ק מרן רבינו שליט״א דערציילט אמאל איז אריינגעקומען צום בעלזער רב א חסיד'ישער איד וואס האט זיך געהאט אריבערגעצויגן קיין פעסט, וואס איז געווען א מאדערנע שטאט, וואס צוליב דעם זענען זיינע קינדער שוין געווען מער מאדערן און זענען געגאנגען מיט קורצע פיאות, ווען דער בעלזער רב האט זיי געזען האט ער געפרעגט פארוואס זיי האבן אזעלכע קורצע פיאות, האט דער איד זיך פארענטפערט זאגנדיג אז זיי קענען גוט לערנען גמרא תוספות.**

**האט זיך דער בעלזער רב צובייזערט און געזאגט ״ס'איז א חוצפה צו לערנען גמרא תוספות מיט אזעלכע פיאות״.**

## זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל